


# פארבינדענדיק צעירי השלוחים ארום דער וועלט

A project of CHINUCH YALDEI HASHLUCHIM a division of The Shluchim Office
816 Eastern Parkway, Brooklyn, NY 11213 ~ (718) 221-0500 x317 ~ cyh@shluchim.org

פרשת שלח, כ"ב סיון תשס"ז
גליון 3, מספר 29




## פרשת שלח

אין דעם סיום פון דער סדרה רעדט זיך וועגן דער מצוה פון ציצית, אז יעדער איד דארף אנטאן ציצית, און דער פסוק פירט אויס: **אני הוי' אלקיכם אשר הוצאתי אתכם מארץ מצרים** - אז דער אויבערשטער האט ארויסגענומען אידן פון מצרים, וואו זיי זיינען געווען עבדים צו די מצריים.

דער פארבונד פון דיביידע ענינים איז:

ציצית איז א "בעדזש" (אפצייכן) וואס באווייזט אז מען באלאנגט צו דעם אויבערשטן און מען נעמט אן אויף זיך צו זיין זיינע "סאלדשערס". און נאכדעם זאגט דער פסוק: **וראיתם אותו וזכרתם את כל מצות ה'**– דער ענין פון ציצית איז אז עס דארף דערמאנען אויף אלע מצוות, ווייל דאס איז דער מיין פון אלע מצוות, אויף צו באווייזן דעם פארבונד פון אידן מיט דעם אויבערשטן.

און דערביי זאגט דער פסוק "**וראיתם אותו**" - ציצית דארפן זיין אפן און קלאר פאר אלעמען צו זען. דער ענין פון ציצית איז דער אנזאג צו אלע אידן, אז ניט נאר וואס מען דארף זיך ניט באהאלטן און שעמען זיך, נאר מען דארף אלעמען לאזן וויסן אז מען האט א שייכות צו דעם אויבערשטן, וואס ער איז דער באשעפער פון דער וועלט "מלך מלכי המלכים הקב"ה".

און דאס איז די אפלערנונג פאר אידישע קינדער וואס האבן א שייכות צו א גוטע סקול, קלוב, "מאוואמענט" אדער "לידער": ניט נאר וואס מען דארף זיך דערמיט ניט שעמען, נאר אדרבה, מען דארף דאס מפרסם זיין פאר אלעמען אז מען באלאנגט צו דעם גוטן קלוב.

און דערפאר פירט אויס דער פסוק אין דער ענדע פון דער סדרה: "**אני הוי' אלקיכם אשר הוצאתי אתכם מארץ מצרים**".

ס'איז פאראן אמאל וואס א איד פרעגט זיך ווי אזוי קאן ער זיך נעמען צו לערנען תורה און מקיים זיין מצוות בעת דאס איז פארבונדן מיט אזוי פיל שוועריקייטן?

(המשך אין עמוד 2)

טייערע קינדער שלוחים,

די שווערסטע צייט אין א מלחמה זיינען די לעצטע מינוטן. מען הויבט אן קריגן זיך מיט די פיינט מיט כוחות און חשק, און מיט די צייט ווערט מען פארמאטערט. אבער, דוקא אין די לעצטע מינוטן דארף מען אריינלייגן נאך מער כוחות אז מען זאל ניט פארלירן די מלחמה.

מיר האלטן יעצט אין די לעצטע טעג און וואכן פון לערנען אין שולע.

יעצט קומט צו גיין דער יצר הרע און ער וויל איינרעדן א אידיש קינד אז ער מוז שוין ניט אריינלייגן זיך אזוי שטארק אין זיין לערנען, ווייל עס איז שוין דער סוף פון די יאר. דער יצר רעדט אים איין אז ער האט שוין געלערנט אזוי פיל, און יעצט קען ער זיך לאזן חלומ'ן און טראכטן וועגן דעם זומער.

קינדער, איר דארפט וויסן אז יעצט איז די צייט וואס איר דארפט זיך שטארקן אנטקעגן די יצר הרע. יעצט דארפט איר געפונען פרישע כוחות, אנשטרענגען זיך און האלטן זיך פעסט אין אייער לערנען.

דאס זעלבע זאך איז מיט די לעצטע טעג פון גלות, דוקא יעצט דארפן מיר זיך שטארקן און ניט פארלירן די מוט, נאר טאן אונזערע שליחות'ן מיט א חיות און א געשמאק. אזוי וועלן מיר זיכער האבן די נצחון און טאנצן גלייך אנטקעגן משיח! -א. וועכטער

# דער חסידישער לוח

## כ"ח סיון תש"א

### דער רבי און רביצין זיינען אנגעקומען אין אמעריקא.

***די ערשטע טאג וואס האט אנגעהויבן די גאנצע איבערקערעניש אין אמעריקא איז געווען כח סיון דער טאג ווען דער רבי און רביצין זיינען אנגעקומען אין אמעריקא.***

אין יענע טעג האט זיך די וועלט געציטערט. שרעקליכע צרות זיינען ארויפגעפאלן אויף די אידן דורך די נאצים ימ"ש.

אין צייט פון די אלע שווערקייטן זיינען די רבי און רביצין געווען אין פראנקרייך. פראנקרייך איז יעמאלט געווען אונטער די שליטה פון די נאציים. דער פריערדיקע רבי האט שווער געארבעט זיי ארויסברענגען צו אמעריקא. דער פריערדיקע רבי האט געוואוסט אז נאר מיט א נס פון דער אויבערשטער וועלן זיי קענען אנקומען אין אמעריקא בשלום.

דער ערשטע זאך וואס זיי האבן געדארפט, איז געווען א וויזה. נאכדעם וואס זיי האבן ב"ה באקומען זייער וויזה, זיינען נאך אלץ געבליבן פראבלעמן ווי אזוי ארויסצוגיין פון פראנקרייך. די איינציקע וועג איז געווען צו גיין צו פורטוגל און פון פורטוגל גיין צו שפאניע.

ב"ה דאס איז אלץ אריבערגעגאנגען בשלום. פון דארטן זיינען דער רבי און רביצין געפארן אויף א שיף און מיט פיל נסים אנגעקומען אין אמעריקא.

כ"ח סיון, תש"א, זיינען דער רבי און רביצין חי' מושקא אנגעקומען אין אמעריקא.

דער פריערדיקע רבי האט געשיקט א פאר גרויסע חסידים זיי מקבל פנים זיין, און ער האט זיי געזאגט " איך שיק אייך צו מקבל פנים זיין מיין איידים. איך וויל אייך זאגן ווער ער איז. ער פראוועט תיקון חצות יעדער נאכט, און ער איז בקי אין נגלה און אין חסידות."

ווען דער רבי איז אנגעקומען, האט זיך אנגעהויבן א נייע תקופה אין "הפצה" אין אמעריקא, ווייל א פאר פון די פריערדיקע רבי'ס מוסדות: "מחנה ישראל", "קהת" און "מרכז לעניני חינוך" האט דער רבי אנגעפירט.

*קינדער, די הייליקע ארבעט פון אויפהויבן אמעריקא, און פארשפרייטן דעראין אידישקייט, האט דער רבי אנגעהויבן. איר, זיינע טייערע שלוחים האבן די זכות צו ענדיקן די עבודה און ברענגן משיח נאו!*

*(המשך פון לעבן מיט דער צייט)*

זאגט דער אויבערשטער אז ער האט די אידן ארויסגענומען פון צו זיין פארשקלאפט צו מצרים, וואס דאס איז איינע פון די גרעסטע נסים, וואס פרעה האט זיי ניט געוואלט ארויסלאזן פון מצרים און דער אויבערשטער האט זיי ארויסגענומען "ברכוש גדול" (מיט גרויס פארמעגנס) און "ביד רמה" מיט אן אויפגעהויבענער האנט.

און אזוי אויך העלפט דער אויבערשטער יעדער אידן, אויב נאר דער איד וויל האבן א שייכות צו אים, אז ער קומט איבער אלע שוועריקייטן, מיצרים וגבולים און ער נעמט אים ארויס ביד רמה וברכוש גדול!

*(פון דער רבי רעדט צו קינדער, שיחת כ"ד סיון תשכ"ג, כ' שבט תשמ"א)*

## האסטו געוואוסט?

אין פרק שלישי, משנה י"ד שטייט, ר' עקיבא האט געזאגט, "חביב אדם שנברא בצלם..חביבין ישראל שנקראו בנים למקום...און חביבין ישראל שנתן להם כלי חמדה."

דאס מיינט: ר' עקיבא האט געזאגט, א מענטש איז באליבט ווייל ער איז באשאפן געווארן אין די פארעם פון דעם אויבערשטן...אידן זיינען באליבט ווייל זיי זיינען אנגערופען די קינדער פון דעם אויבערשטן... אידן זיינען זייער באליבט ווייל זיי האבן די הייליקע תורה.

וואס לערנען מיר פון דעם? ר' עקיבא איז געווען אין דריי אנדערע מצבים דורך זיין לעבן. אין אנהויב פון זיין לעבן איז ער געווען א ניט - איד: אויף דעם זאגט ער,

*"א מענטש איז באליבט ווייל ער איז באשאפן געווארן אין די פארעם פון דעם אויבערשטן."*

דערנאך האט ער זיך מגייר געווארן, און ער איז געווארן א איד. אויף דעם זאגט ער,

*"אידן זיינען באליבט ווייל זיי זיינען אנגערופען די קינדער פון דעם אויבערשטן."*

נאר שפעטער אין זיין לעבן האט ער געלערנט תורה, און אויף דעם זאגט ער,

*"אידן זיינען זייער באליבט ווייל זיי האבן די הייליקע תורה."*

***ר' עקיבא באווייזט אונז, אז אין יעדער מצב וואס א מענטש געפינט זיך, איז ער באליבט ביים***

## שבת מברכים ראש חודש

### דער שבת איז שבת מברכים תמוז

- ☐ איך האב געזאגט תהלים שבת אינדערפרי. – געדענק צו זאגן די פרקים פון די " תהילים קלאב"!
- ☐ איך בין געגאנגען אין שול און איך האב געבענטשט דעם נייען חודש פון תמוז.

# דערציילט מיר א מעשה

אמאל זיינען צוויי מענטשן געקומען צום רבי'ן מהר"ש אויף יחידות. זיי האבן ביידע געוואלט בעטן דעם רבי'ן עצות אין זייער עבודת ה'.

איינע פון זיי איז געווען א געלערנטער יונגערמאן, און דער צווייטער איז ניט געווען אזא געלערנטע, אבער ער האט געהאט פעסטע אמונה אין דעם אויבערשטן.

דער ערשטער יונגערמאן איז אריין צו יחידות. ער האט געפרעגט ביים רבי'ן ווי אזוי ער קען שטארקן זיין כוונה אין תפילה. דער רבי מהר"ש האט אים געזאגט אז ער זאל אלעמאל ארייןקוקען אין סידור ווען ער דאוונט. ער האט געזאגט דעם רבי'ן אז ער פילט אז ער האט מער כוונה ווען זיין קאפ איז אונטער דעם טלית, אבער דער רבי האט ניט מסכים געווען מיט אים. דער רבי האט ווייטער גערעדט און די יחידות האט זיך געענדיקט.

דער צווייטער איד איז אריינגעגאנגען צום רבי'ן, און דער רבי האט אים געזאגט, אז ווען נאר ער האט צייט זאל ער לערנען תנ"ך. ער זאל דאס לערנען מיט די אידיש טייטש, כדי ער זאל פארשטיין יעדער ווארט. דער רבי האט אים געהייסן לערנען תנ"ך ווען ער איז אויפן וועג, און אפילו אין זיין קראם, אין די מינוטן וואס ער רעדט ניט מיט די מענטשן וואס קומען קויפן.

ביידע אידן זיינען אהיים געפארן, צופרידן מיט די הוראות און ברכות פון רבי'ן.

א צייט שפעטער, אין מיטן ווינטער, איז דער מענטש געפארן אויף א רייזע. ווי אלעמאל, האט ער גענוצט יעדער פרייע מינוט לערנען תנ"ך.

ווען ער האט געענדיקט זיין ביזנעס, איז ער אהיים געפארן. ער האט זיך אנגעווארעמט און האט באגריסט זיין ווייב. ער האט געקושט זיין קליין קינד וואס איז געלעגן אין זיין בעט און האט אים פארדעקט מיט זיין גרויסע, ווארעמע מאנטל.

ער האט דערציילט זיין ווייב וועגן זיין רייזע און האט איר באוויזן די קליינע מתנות וואס ער האט פאר איר געקויפט.

ווען ער האט נאכאמאל געקוקט אויף זיין קינד, האט ער באמערקט אז די קינד עטעמט ניט! ער האט אים געשאקלט, און געפרואווט אויפוועקן, אבער עס האט גאר ניט געהאלפן. זיין פרוי איז גלייך געלאפן ברענגען דעם דאקטער.

ווען זי איז צוריקגעקומען, האט זי ניט געקענט גלויבן אירע אויגן!! איר מאן איז געזעסן לעבן זיין קינד, און האט מיט אים געשפילט! ווי אזוי האט איר מאן אויפגעוועקט זיין קינד פון טויט?!

ווען זי האט אים געפרעגט, האט ער געענטפערט אז ער האט ערשט געליינט א מעשה אין תנ"ך וואו עס רעדט זיך וועגן אלישע דער נביא, און ווי אזוי ער האט מחי' מתים געווען א קינד דורך לייגן זיין מויל אויפן קינד'ס מויל און אריינבלאזן אין אים. דער מענטש, מיט זיין אמונה פשוטה, האט באשלאסן אויך טאן אזוי. דער אויבערשטער האט געהאלפן, און ער האט אויפגעוועקט זיין קינד, ממש תחיית המתים!!

אלע מענטשן וואס האבן געקענט דער יונגערמאן, און האבן געוואוסט וועגן זיין יחידות פון רבי'ן מהר"ש, האבן פארשטאנען וואס האט זיך דא אפגעטאן. זיי האבן געזען די ברכה פון רבי'ן וואס איז באהאלטן געווארן אין זיין עצה. זיי האבן פארשטאנען אז דער נס איז געשען אין די זכות פון זיין לערנען תנ"ך און זיין איסערגעוויינליכע אמונה פשוטה אין דעם אויבערשטן.




אין צייט פון חטא עץ הדעת, ווען אדם און חוה האבן געגעסן פון די בוים אנטקעגן דעם ווילן פון דעם אויבערשטן, איז די ערד געשאלטן געווארן, אז פיל פון די פרוכטבארע ביימער וועלן ווערן ליידיק, פון זיי איז נאר געוואקסן דערנער.

די גמרא לערנט אונז אז דאס וועט זיך בייטן אין צייט פון גאולה. יעמאלט וועלן אלע ביימער געבן זיסע פרוכט, און די אלע וואס וועלן דאס זען וועלן זינגן און לויבן צו ה'!

לעילוי נשמת
אאמו"ר הרה"ח התמים ר' דובער
בן הרה"ח ר' נפתלי שו"ב ע"ה יוניק
זכה לשמש בקודש קרוב ליובל שנים
נפטר ביום הרביעי, ט' אייר תשס"ה

נדבת בנו ר' דוד שי' יוניק ומשפחתו

# TEST YOUR KNOWLEDGE

# פרשת שלח

**Kids! Fill out the answers to the puzzle below, and fax it to the Shluchim Office at (718) 221- 0985 or e-mail it to connections@shluchim.org by Wednesday**

שרייב אויס די קאד לויט וואס איז
שוין געשריבן, און שרייב אריין די
אותיות וואס זאגן אונז די מצוה אין
תורה וואס איז ספעציעל פאר פרויען.



| כ | י | ט | ח | ז | ו | ה | ד | ג | ב | א |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|
| | 10 | | | 7 | | | 4 | | 2 | 1 |

| ת | ש | ר | ק | צ | פ | ע | ס | נ | מ | ל |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|
| 22 | | | 19 | | | 16 | | | | 12 |

___ ___ ___ ___ ___ ___     ___ ___ ___ ___ ___

___ ___ ___ ___ ___     ___ ___ ___ ___ ___     ___ ___ ___

## הצלחה רבה

נאמען: ______________________     ווי אלט: _____

אדרעס: ____________________________________________

אימייל: ______________________

די געווינער פון פרשת בהעלותך: יוסף בערגשטיין, 6